STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08124

AKERTSAYT

Aleph Katz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַלעף כּץ
אָקערצייט
פֿאַרלאַג
בידערמאַן
ניו יאָרק
1929

פון דעם זעלבן אויטאָר:

„אַ מאַיסע פון יאַם און אַנדערע לידער“, 1925.

איבערזעצונג פון ר. ל. סטיווענסאָנס „אויצער אינזל“, 1927.

אַקערצייט

א זאמלונג לידער

פון

אַלעף כ״ץ

פארלאג בידערמאן
ניו יארק
1929

AKERTZEIT

(*Plowing Time*)

A Collection of Poems

By Aleph Katz

Copyright by A. M. Katz, New York, 1929.

פינסקי־מזל פרעס, אינק.

אינהאַלט

אַקערצייט

אקערצייט 9
אויפגאנג 10
דאָס געזאנג פון רייפע זאנגען 11
סאָף־זומער (1) 12
סאָף־זומער (2) 13
אין קאַנאַדע 14
אָוונטוואַלד 16
די שטים פון פעלד 17
אַ פלאַנץ איז פאַרוואָרצלט אין פעלד 18

באָערי מאַטיוון

אומשטערבלאַכקייט 21
וועלף 22
דאָס פינטעלע מענטש 24
אינמיטן וועג 25
מאַמע־באָערי 26
דאָס טויטע פעלד 28
דער דאָרן 29
הײַנט 30
דער זיג פון ניין 31
כאַראָטע 32

יוסף בן שמעון

יוסף בן שמעון 35
דער זיגער 38
פערפעטואום מאָבילע 40
באַלאַדע 42
דאָס שטומע פאַרלוירענע ליד פון מיין טאַטן . . . 44

מעסלעסן

דאָס ליד פון פאַנטאָן 47
אַ פרימאָרגן אין ניו יאָרק 48
באַלאַדע פון אַ מעסלעס :
פרימאָרגן 50
באַטאָג 51
פאַרנאַכט 52
נאַכט 53
ניו יאָרקער נעכט 54
אקוואַרעל פון זונפאַרגאַנג 55
סאָנעט צו דער נאַכט 56

אימפּרעסיעס

אַ דיכטער לייענט־פאַר אַ ליד פאַר אַן אוילעם 59
ווערטער 60
אין סטאַדיום 61
פאַזירנדיק אַלס מאָדעל פאַר אַ ביוסט 63
אַ היים 67
מאַרדי גראַ 68
יאָגד 69
דער בוים בײַ מיר אין הויף 71
ע. ל. מ. 73
אפריקעס באַנים 74
אַ ווינטערבילד 75
ר' נחמן בראַצלאַווער 76

אין נעפּל

אין נעפּל (1) 79
אין נעפּל (2) 80

I

אַקערצייט

אקערצייט

שוואַרצע פעטע ערד פון אַ צעאַקערט פעלד,
און אַ יונגער פרישער און צעבליטער בוים.
מיט שטראַלן גאָלדיק־מאָראַנדיקע דורכגעשטרייפטער רוים.
מיט ווינטן בלוילאַכע באַפליגלט און באַהעלט.

אויפגעריגלט אַלע טויערן,
מויל און אויערן באַפרייט פון צוים,
ווייסע פייגל,
שוואַרצע פויערן
טיילן זיך מיט זייער ווינטער־זומער טרוים.

די ווייטן און די הויכן שוועבן,
לעבן גליט אין גלאַנץ פון אַקער,
אָפּגעווישט, פאַרשוואונדן ווערן איצט די רויבן,
און אַנטפּלעקט — אַ פרייִדיקער געפאַרב פון שטומען פלאַקער.

אויפגעוועקטע שטיקער ערד
שפּיגלען זיך מיט טמימעס אין דער שאַרף פון זייער וועקער.
נעמען־אויף די וואַרעמקייט פון ליכט און זון.

דער פויער און זיין קלוגער פערד
שרייבן לאַנגע שורעס איבער ווייטע שטרעקן,
און די שריפט דערציילט דעם עפּאָס פון אַ שעפעריסן רייך,
אָדער פון אַ בעטלער־טאָרבע און אַ וואַנדער־שטעקן.

אויפגאַנג

מיט גרינע קנויטן לויכט דאָס פעלד,
מיט פייערלאַך פון אָנזאָג צו דעם אַקערער און זייער.
וואַקסט אַ גרינע פרייד,
גייט־אויף און שוועבט אַרום,
און שטומערהייט דערטראָגט זי זיך פאַרטאָג
צום פענצטער פון דעם שלאָפנדיקן פויער.

הויכט זי אָן איר אָטעם אויף די שויבן,
מאָלט אַ כאָלעם פון אַ ציטערדיקן גלויבן,
מישט זיך אויס מיט דער דערוואַכנדיקער מאָרגנדיקער שאָ.

דער פויער הערט דעם רוף
פון דער גרינער וואַקסנדיקער וועלט:
שטייט ער אויף פון שלאָף, און גייט אַרויס אין פעלד —
און העל צעבליט זיך זיין געזיכט
ווי אַ צייטיקע און פולע זאַנג.

זינגט זיין האַרץ אַ שטילע לויב,
אַ פלאַטערדיק געזאַנג,
צו די קינדער פון דער ערד.
און דער ווינט צעטראָגט אַ פאָטערלאַכע בראָכע אין דער לופט
פון אויסגעשטרעקטע הענט,
און אַ בעטנדיקע וואַרטנדיקע טרער.

דאָס געזאַנג פֿון רײַפֿע זאַנגען

האָבער, גערשטן, ווייץ און קאָרן
זינגען אויף די פֿעלדער,
זינגען אַ געזאַנג פֿון צײַטיקייט און פֿרייד:
זינגען זאַנגען זון־געזאַנגען,
וואָס דער פּויער האָט מיט מי און ליבשאַפֿט דאָרט פֿאַרזייט.

דאָס געזאַנג איז פֿריש און אייביק,
פֿויגל־גרינג און פֿויגל־פֿריי:
ווערט דער פּויער יונג און גלויביק
ווי אַ פֿלאַנץ אין אָנהויב מאַי.

אויפֿגעוואַקסן איז זיין פּראַצע
און דעם אַקער ניט פֿאַרשעמט.
און ער וועט ניט דאַרפֿן זוכן
ברויט און זאַטקייט אין דער פֿרעמד.

סאָף־זומער

1

די האַנט וואָס האָט געאַקערט און געזייט
און אָנגעגרייט אַ פעלד מיט אַלדאָס גוטס,
האָט איינגעזאַמלט איצט איר מי,
איינגעזאַמלט איר געגאַרטן לוין,
און רוט.

אָפּגעמעקט פון פאַרמעט פון דער ערד
איז איצט דאָס ליד פון פיינלאַכער דערגרייכונג,
און די ערד איז נאַקעט,
און די ערד איז מיד,
און פאַרטרויט דעם ווינט איר בענקשאַפט און באַגער
נאָך דעם געהיל פון ווייסן שניי,
וואָס ברענגט פאַרגעסנקייט
און שלאָף.

2

די ערד איז מיד
און שטעכיק איז איר לייב
מיט שטעכלאַך וואָס געבליבן פון דער זאַנג:
ווייל שווער און שטעכיק איז דער איבערבלייב פון פרייד,
און שווער דער נאָכקלאַנג פון פאַרשוואונדן גליק.

די ערד איז מיד
און וויל צוריק די גאַנצקייט פון איר לייב דערגרייכן,
און וואַרט
און גאַרט
עס זאָל דער ערשטער שניי
מיט בענטשונג פון באַנייאונג זי פאַרשפּרייטן.

אין קאַנאַדע

פלאַכלאַנד
און גראָזיקע ביימער,
בעהיימעס און פערד,
גערטנער און הייזער,
פאַרקישעפטער כוימער,
הימל און ערד.

וועלדער
און פעלדער און טייכן,
און גרינער געזאַנג,
עס ווערן זיכרוינעס
פון צאָללאָזע רייכן
פאַרקריצט אין געדאַנק.

סימכע
פון צייטיקן ווערן
פון טוואועס און היי:
ווער עס איז זויכע
צו הערן, קאָן הערן
דאָס פריידיק געשריי.

שליאכן
פאראיינזאמטע ציען
אין ווייטקייט פון טאָל זיך אוועק.
פעניעס פוןביימער
אמאָליקע בליען
מיט טרויער און שרעק.

וואנדערט
אָן איינזאמע טאינע
און מאָנט אויף א קאָל:
יאמערט א פאלק
אויף פארגאנגענהייט זיינער,
זיין גרויסן אמאָל.

ווילדקייט —
ווער קאָן זי דערקלערן,
ווער קאָן זי פארשטיין?
פון רויטן פארטריבענעם
שיווערט דערהערן
דאס טריבע געוויין?

אלעף בן

אונטוואַלד

ווי לעבעדיקע שטיקער נאַכט
שוועבן פייגל איצט אַרום דעם וואַלד,
און שאָטענען אין מאַטן ליכט פון זונפאַרגאַנג
אַן אָנקום פון פאַרקלערטקייט.

דער וואַלד איז אַלט,
די אָונטיקע שאָ פון טונקלעניש וואָס הילט אים איין אַצינד,
די נאַכטיקייט וואָס שיידט אים אָפּ און טיילט אים אויס,
פאַראייניציגט און פאַראיינזאַמט אים —
נעמט ער אויף מיט ווירדע פון דערפאַרונג.

פון ווייטע פעלדער טראָגט זיך אָן אַ לייכטער ווינט
און ברענגט מיט זיך אַ גרוס פון גרינע זאַנגען;
דרינגט אַריין אין וואַלד
און זינגט אַ שטיל געזאַנג
פון לויטערע פאַרלאַנגען.

ווערט דער וואַלד מיט יונגע סוידעס דורכגעדרונגען,
און די ביימער ווערן אויפגעפרישט
פון וואָרצל ביז דער העכסטער צווייג.

די שטים פון פעלד

פון מיין אויפגעפרישטן הויז
פירט א וועג צו ניי־געבוירענע פרימארגנס פון דער זון.

מיין פערד איז יונג,
מיין אקער גלאנצט מיט פרישער שארפקייט,
און דער רייאך פון דעם פעלד איז פול מיט נארונג און מיט רייפקייט.

איך ווייס ניט פון וואנען די שטים איז געקומען,
וואס האט מיך גערופן אין פעלד:
מיין הארץ איז געווארן פון רוף דורכגענומען,
מיט זוניקער יונגשאפט באזעלט.

די ערד האט געקוואלן מיט פרייד,
ווען ס'האט זי דער אקער געשניטן, געשטיקערט.
מיין פערד האט געטראטן מיט זיכערע טריט
און איך בין געווארן פון ברויזיקן ערדישן אטעם פארשיקערט.

עס האט אונדז א קויאך פאראייניקט,
מיך און מיין פערד און מיין אקער,
געפירט אונדז אן אויפהער,
געפירט אפ־און־אויף
צום געזאנג פון דעם ערדישן פלאקער.

און ווען שטראליקע הענט פון דער זון האבן שפעטער
געשטרעקט אונדז „גוט אוונט" פארנאכט,
האבן מיר זיך געזעגנט
און זיינען געגאנגען
מיט גאלדענע סוידעס אקעגן דער נאכט.

אַ פלאַנץ איז פאַרוואָרצלט אין פעלד

אַ פלאַנץ איז פאַרוואָרצלט אין פעלד,
וואָס דער שניטער שניידט קיינמאָל ניט אָפּ,
דער רעגן וואַשט קיינמאָל ניט אויס פון דער ערד,
דער פראָסט רירט ניט אָן,
און דער שניי דעקט ניט צו.
אַ פלאַנץ איז פאַרוואָרצלט אין הארץ פון דעם פעלד:
אַן אייביקער ווילן.

די עלטער צעפרעסט ניט איר פרייען פאַרנעם,
קאָן איר ארויפיקען דראַנג ניט דערשלאָגן,
קאָן איר צעפליגלטע לייכטקייט ניט פענטען,
קאָן ניט באצווינגען איר גרינגשאַפט,
איר פלי.

די ווינטן פון צייט ווערן איבערגעריסן,
צעגייען, פאַרשווינדן און ווערן פאַרטיליקט,
און קאָנען ניט גרייכן, ניט שטערן
איר בלי.

אַ פלאַנץ איז פאַרוואָרצלט אין פעלד, אַ
געוויקס,
וואָס צייטיקט מיט אייביקע צילן, מיט
מאַכט,
מיט יונגשאַפט און שטענדיקן לעבן:
אַן אייביקער ווילן.

II

באָערי מאַטיוון

אומשטערבלאַכקייט

נים די בייטש פון אָרימקייט
האָט מיך אָהער פאַרטריבן,
נים דער בעזים פון דער וועלט אָהער פאַרקערט.
כ׳האָב מיין נאָמען אין דעם שטויב
פון אונדזער גאַס פאַרשריבן,
איינגעפלאַנצט מיין לעבן אין איר ערד.

כ׳וועל וואַקסן אין דער שטייניקייט
מיט איינגעשפּאַרטן ווילן
אויף דער גאַס וואָס נערט און צערט מיין גוף,
ביז זינגען וועט די שטים פון שטויב
דעם זיג פון אירע צילן,
און הערן וועט די וועלט דורך איר מיין רוף.

וועלף

בלויע שניינעכט,
גרויע הימלען
דרימלען.

שווארצע ביימער,
שווארצע צווייגן
שוויגן.

די קלאַג פון טאָג
צעטראָגט זיך איבער פעלדער.
וועלדער זיינען איינגעהילט
אין לייַלעכער לעוואָנעליכט,
אין לייַלעכער פון שרעק און קעלט.

פלעדערמייז און סאָוועס — פייגל אָן זכוס־אָוועס,
און צערייַצטע וועלף פארשאָלטענע
ווילן ניט די רו די נאכטיקע,
ווילן ניט די שוץ פון ביימער.

מאַכטלאָזע פליגל פון נאכטיקן פליפּאָלק
פליגלען־ארויף א געבעט צו די הויכן,
פליגלען־ארויף א געוויין.

וואָיען וועלף דעם ווײ פון וואָגלער,
זייער יאָמער נאָדלט־דורך די אויערן פון רוים.
פלאַמען שפּאַרן פון די מײלער,
פון די אויגן — בלוט און רויך.

בריט די ערד די טריט פון גרוי־פעל,
הונגער ברענט אין די געדערים.
אַ רויטע בייטש פון צווייפל קריכט־אַרום פון מיזראַך:
טרייבט אַ שרעק פאַנאַנדער די באַזיירים.

פינצטערע נאַקעטע גריבער
ווערן די טאָגיקע היימען
פון וויסטיקע בלינדע בראָדיאַגעס,
און די נאַכט — די גוטע באָבע־יאַגע —
גלעט און שלעפערט־איין,
און פאַרטרייבט דאָס ליכט פון פיין.

אלעף כץ

דאָס פּינטעלע מענטש

אָפּגעטיילטע
אָפּגעזונדערטע אין שטייגן אומזעבאַרע
שווייגן נאָמענלאָזע קעפּ.

די טרעפּ צו הויכקייטן אמאָליקע
פון אויפגעבויטן און פאַרלאָזטן טורעם
זיינען איצט פאַרגעסן און פאַרשטויבט,
און טויב איז יעדער אויער צו דעם רוף
פון ווילן.

אַלע טאָינעם זיינען אויפגעלייזט,
די נאַענטקייט פון צילבערעט — אַ מיראַזש.

אָפּגעמעקט, פאַרשוואונדן זיינען
אַלע אויסיעס פון שטאַר,
נאָר בליצנצאָרן רופט ארוים נאָך אַלץ
די כוצפּע פון דעם נאַר.

אינמיטן וועג

אָפּגעשווירן
אָפּגעשניטן פון דער וועלט,
אַליין —
איז ער מיד
אינמיטן וועג
געבליבן שטיין.

קוקן זיינע אויגן
הין און הער,
און די הענט פאַרוועבן שנירלאַך פון באַגער —
אָנצוקניפּן זיך צוריק
מיט אומגליק אָדער גליק פון לעבן.

ניטאָ קיין וועג צוריק,
ניטאָ קיין וועג פאָרויס,
און די אויגן קריכן פון דעם קאָפּ אַרויס,
און דאָס פּאָנים איז פאַרשעמט.

פאַרפאַרעמדט און אָפּגעשיידט,
אַן אָפּגעטיילטער רינג פון קייט,
און די סינע שטאַרט
און שניידט זיך אין דעם אינגעווייד אַריין
מיט שאַרפן פון צעריסענע ציין.

נאָר דער טרויער פון אַ האַרף,
וואָס זינגט פון סאָף,
וואָס זינגט פון טויט,
קילט זיין ברענענדיקן רויטן מאַרך,
שטילט מיט רו,
איז זיין וואַסער,
איז זיין ברויט.

אלעף כץ

מאַמע־באָערי

מאַמע־באָערי, מיין גאַס,
די נאַכט, דיין כאַוועדטע,
לייזט־אויף מיט גוטע רייד
די קייטן די פאַרזשאַווערטע
פון דיינע טעג.

ווערסט פריי, מיין באָערי,
מיין גאַס,
מיין היים.

די פרעמדע האָבן דאַן קיין שליטע ניט בא אונדז,
און זיי צעלויפן זיך אין שרעק
פאַר דיין באַפרייטער כאַיעדיקער מאַכעשאַפט.

די נאַכט
און דו, מיין באָערי,
היים פאַר ווידערשפעניקער אין גראָדן וועג,
אָריימיקלעט פאַר אַנטלאָפענע פון שויפער פון ערפאָלג,
אָריימיקלעט פאַר דערשראָקענע פון זיין נעשאַל.

היים פון היינט,
היים פון איצט,
פאַרטרייב די צוקונפט פון דיין הויף.

באַרי מאַשיוון

פֿאַרטרייב דעם מאָרגן פֿון דיין אָפּן פּעלד,
דיין העפּקערוועלט.

שעלט,
שעלט,
פֿאַרשפּיי,
פֿאַרשעלט.

ברענג־אום דעם בעטלאַרשן ראַבמאָנעס,
פֿאַרגיפֿט די העסלאַכע צופֿרידנקייט
פֿון נאַדוואָן־נאַר.

לאָז ניט צו צו זיך די ניט־דערהווילטע,
פֿאַרטרייב פֿון זיך,
פֿאַרטרייב.

באַהאַלט די קליידער אונדזערע
פֿאַר אונדז אַליין,
פֿאַר אונדז.

מיר אַליין די קינדער דיינע,
איך דיין זון,
איך דיין נאַמענלאָזער זון.

דאָס טויטע פעלד

פאַלט אַ טוי פון טויט אויף אונדזער פעלד
און זעטיקט אָן די ערד:
וואַקסט דער טויט, און אין איעדער פלאַנץ
אַ קלאָלע ווערט געגערט.

שעלטן וואָרצלען אונטער זיך די טיף,
און בלעטער שפרייטן סאַם,
ראַנגלען זיך מיט מאָרגנדיקן סאָף,
וואָס ווארט אויף אונדזער שטאַם.

ווײַנט דעם לאָהוטיקן שניטערס סערפּ
און זשאַווערט אין זיין פיין:
ס'האָט די קלאָלע פון דעם טויטן פעלד
פאַרטונקלט אים זיין שיין.

ס'וועט דער טויט באַזיגן אונדזער שטאַם,
נאָר קיינמאָל ניט דער סאָף:
ניט פון בייזן שניטערס האַנט און סערפּ
וועט קומען אונדזער שטראָף.

אייביק בליען וועט דאָס טויטע פעלד
מיט טרויער און מיט סאַם,
אייביק גליען אין דער מאַכט פון טויט
מיט צאָרנדיקן פלאַם.

דער דאָרן

איך בין דער מידבערדיקער דאָרן,
אויסדערוויילט בין איך פון גאָט
צו טראָגן אייביק אין זיקאָרן
פלאַמען פון זיין שפּאָט.

עס האָט אין מיר געגליט דער אָטעם
פון זיין ברענענדיקן רוף,
און איבער אַלע דערנער־שוואָטים
אויסגעטיילט מיין גוף.

איצט אָפּגעטאָן האָט זיך דאָס פייער,
ס'קאָרטשעט מיך אַ פּוסטע קעלט:
פאַרשטאַרקט מיין רוף צו אַ באַפרייער,
דערנער פון דער וועלט!

און שענקט מיר כוואָס, מיר, דעם דאָרן,
כ'שטרעק צו אייך איצט אויס מיין האַנט:
זאָל מיך דער שאַל פון כוואָס־האָרן
אויסלייזן פון שאַנד.

אלעף כץ

היינט

די לעצטע שאָען פון דער נאַכט
קריכן שלעפעריק ארום
אויף די דעכער פון די דרימעלדיקע הייזער.

דורך די פענצטער, דורך די טירן
שטראָמט־ארויס דער ליילעכדיקער מאָרגן דער דערוואַרטעטער,
דער באַלעם פון די שלאָפער —
און טוט זיך אָן אין קליידער פון דעם היינט.

— ניטאָ־אָ־אָ,
ניטאָ מער מאָרגן!
שרייט א וואַרגנדיקער עכאָ איבער אַלע גאַסן.
— היינט איז דאָ.
היינט איז ווידער דאָ.

שטייט־אויף, איר דינער פון דעם מאָרגן,
צו גאַפינען אייער גאָט געשטאָרבן.
דער היינט איז דאָ
צו לאַכן אייך אין פּאָנים,
היינט — דער כוואַליק־מאַכענדיקער שטאָטנאַר,
היינט.

באָרי מאַטיוון

דער זיג פון ניין

פאַרגעסענע פאַרגייען שאָען,
פאַרשעמטע, לײדיקע פאַרשלינגען זיך די טעג.
א „ניין“ באַזיגט האָט אַלע „יאָ’ען“,
פאַרפירט האָט זיך אַליין דער וועג.

אלעף כץ

כאראטע

טרייבנדיקע
רייבנדיקע
מילשטיינער צוויי
ברומען און אויפהער
א גרויזאם געשריי:
כאראטע
כאראטע
כאראטע.

אלץ האט צעריבן די גרויזאמע מיל.
פארבליבן איז בלויז דער סקעלעט פון א ציל.
— קום לאמיר אנטלויפן פון דאנעט, סקעלעט.
— צו שפעט,
רוימט אין אויער דאס ביינערנעשטאלט.

אספאלט,
ווייכע בעט,
נעם מיך צו,
גיב מיר רו.
ליב איז דיין שטויב,
שטיל מיין בלוט,
קיל מיין בלוט.

די ערד האט און אויער,
א האריץ האט דער שטיין:
דער טויער פון שלאף
עפנט אויף זיך אליין.

III

יוסף בן שמעון

יוסף בן שמעון

עס שטייט דער טויט באַם בעט און ציילט
און טיילט אים צו די לעצטע רעגעס רואיקייט.
וויגן זיך די פּיצלאַך לעבן אויפֿן שוואַכן אומרו
צווישן אום און רום און רואיקייט.

אַט־באַלד און ס׳וועלן זיך געזעגענען
דער נאָמען מיטן גוף —
אויף אייביק ווערן אָפּגעשיידט.
דער גוף וועט גיין אין גרוב
און ווערן ערד,
און ווערן איינס מיט ערד —
צו שפּייזן גראָז און ווערים אָנגעברייט.

דער נאָמען וועט נאָך הויזן אין זיקאָרן פֿון אַ פֿריינט:
אַן אָפּשיין פֿון געוועזן און נישטאָ,
און שפּעטער אויך פֿאַרגיין,
פֿאַרשווינדן ווי אַ וואָל
אין גרויסן יאַם פֿון שטילקייט און פֿאַרגעסנקייט.

און ער —
דער קישעף וואָס האָט אָנגעקניפּט דעם נאָמען צו דעם גוף,
און ער — דער איך,
וואָס האָט געטראַכט, געטרויערט, זיך געפֿרייט,
געגערט זיך מיט האָנאָ
פֿון אַ פֿרוי פֿון כאָכמע און פֿון רייד,
וואוהין וועט ער פֿאַרשווינדן פֿון דער וועלט?

טלעף בין

עס ווערט דערציילט אין ביכער וועגן אים,
אין מאַיסעס פון פאַרצייטן:

ער איז געווען א קנעכט אמאָל
און מיט זיין אַרבעט זיס געמאַכט דאָס לעבן פון א האַר.
ער איז געווען א קעניג פון א לאַנד,
ער איז געווען א גרויסער כאָכעם
און א נאַר.

ער האָט געהאַט די רוט און גוטסקייט פון א נאַווי,
גערעדט מיט רייד פון ליב און שעפס,
געפירט א פאָלק.

ער האָט פאַראיינזאַמט זיך אין טיפקייטן פון וואַלד,
אין דער מעמשאָלע פון א נאָזיר,
און אין פיין געפורעמט א געשטאַלט.

עס ווערט דערציילט אין ביכער וועגן אים,
אין מאַיסעס פון פאַרצייטן:
ער איז געווען
ער האָט געלעבט
ער האָט געטאָן.

און זאָל שוין זיין — עס בליט אמאָל זיין זייגער
אין מויאך פון א מענטשן:
שאַטנט־אָן א טרויער,
אָדער מאַכט זיין הארץ מיט פרייד באַזעלט.
אָבער ער אליין,

ער וואָס האָט געטראַכט, געטרויערט, זיך געפרייט,
גענערט זיך מיט האָנאָע
פון א פרוי, פון כאָכמע, און פון רייד,
וואוהין איז ער — דער איך —
פארשוואונדן פון דער וועלט?

אלעף בץ

דער זיגער

(א. ח.)

פארבארגן האט ער זיין פאראומערט לעבן פון דער וועלט,
אלע זיינע יארן זיך באהאלטן אין אליינקייט.

נאר אין א סוידעסדיקן שלאס,
וואס ער האט אויפגעבויט פאר זיך,
האט ער געטראגן כשיוועס פון א מענטשן
אומגעשטערט,
און זיין פארכויזעקט לעבן איז געווארן לויטער.

אבער פאר דער וועלט
האט ער קיינמאל זיינע קליידער ניט באוויזן:
געשעמט זיך רימען מיט א טואונג, מאנען לויב.
געווען א כאשעוו אין זיין אויסגעטראכטן שלאס,
א נעבנע אונטער בליקן פון געלעכטער.

ער האט געבענקט.
זיבן צענדליק יאר געגארט
דעם שפאטנדיקן סוינע איבערקליגן —
זיין הארץ האט שטיל געוויינט,
ער האט דעם סוינע ניט געקאנט באזיגן.

יוסף בן שמעון

נאָר ווען עס איז די לעצטע שאָ געקומען,
און דער לעצטער צענדליק רינגען
האָט אַ קייט פון זיבעציק פאַרשמידט,
האָט ער די ווענט פון זיין פאַרשלאָסן לעבן אומגעוואָרפן
און מיט זיג אויף אַלעמען געקוקט,
און מיט שטאָלין גערופן האָט זיין פּאָנים און געזאָגט:
זעט,
איך שטאַרב,
איך שטאַרב.

אַלעף כּץ

פּערפּעטואום מאָבילע

פייערדיקער סאָד פון אונדזער זיין,
פייערדיקער סאָד פון אונדזער אייביקייט:
די זון,
די זון.

אַלע גייען מיר צו איר
די ניט־פּאַרענדיקטע סימפּאָניע דערענדיקן,
דעם מאגישן סאָד פון אונדזער אייביקייט דערגיין.

אַווירבלפּלאַם
באַלייכט דעם וועג צו איר
און פּלייצט מיט אַ טאָפּאַזנליכט אויף אַלץ.

ברויזן, ברויזן טייכנווייז
שוואַרצבלוטיקע נעכט,
אין וועלכע ס׳ווײַנט דאָס ניט־געשטילטע בלוט פון די
וואָס האָבן פאַר דער צייט
דעם סאָד געוואָלט דערגיין.

און אין אַ ווילד געיעג,
די אויגן אויסגעברענט פון ווירבלפּלאַם,
לויפן האַרדעסווייז אַרום
די צו וועמען ס׳טאָר דער סאָד אַנטפּלעקט ווערן קיינמאָל.

און די אין וועמעס אויגן
עס פליקערט־אויף אַמאָל אַ שאָטן פון דעם סאָד —
אַ פייערדיקער באַרג פון פלאַמען ווערט פון זיי.

ציען זיך די פלאַמען צו דער זון
און ווערן אין דעם פייערדיקן סאָד פאַרשלונגען:
דער סאָד פון די וואָס קומען
און וואָס גייען
און וואָס קומען
און וואָס גייען
אויף דעם אייביקן אומענדלאַכן,
אַ, אייביקן אומענדלאַכן,
און ווייטן וועג.

באַלאַדע

אונטער אַ שווערן פאַרפרוירענעם טייך
שווימט דער פאַרלוירענער שווימער.
ער זוכט אַ באַפרייאונג פון אייזיקן דעק,
וואָס האַלט אים פאַרטפּיסעט
און וועגט אויף זיין קאָפּ
און גלעט אים מיט קאַלטקייט
און שטופּט אים אַראָפּ
צום גרונט פון פאַרגליווערטע סאָפּן.

דער שווימער פאַרשנעלערט דעם לויף פון זיין האַנט,
ער זוכט אַן אַרויסגאַנג פון אונטער דער וואַנט:
די וואַנט לאָזט אַדורך בלויז אַ דעמערונג־ליכט,
וואָס פייניקט און רייצט זיין דערשראָקן געזיכט.

דער גלעזערנער קאַלטער געשטאַלטלאָזער דעק
פאַרגלעזט און פאַראייזט מיט אַ שטאָלענער שרעק
די אויגן וואָס קעמפן
די הענט און די פיס,
די אייוועריס אַלע
מיט זיסקייט פון טויט.

עס גיסט זיך אַ קויאַך אַריין דורך דעם גלאָז,
דער שווימער ווערט ריזיק און מעכטיק.
עס האָט זיך געעפנט אַ טויער פון ליכט,
אָט־באַלד ווערט ער ניצל פון שווערן געוויכט,
און גרייכט צו דעם פּאַלאַץ פון פּרעכטיקן אייז,
וואָס שטייט דאָרט און וואַרט אויף זיין קומען.

***

די זון האָט געשיינט און צעלאָזן דאָס אייז,
די גלעזערנע קעלט איז צערונען.
דער טייך איז געלאָפן מיט שוימיקער לוסט
און האָט אין זיין זוניקער שטראַליקער ברוסט
נייע פאַרלאַנגען געשפּונען.

און ווען זיינע וואַסערן זיינען געקומען
און זיינען אַרונטער פון וואַסערפאַל־קאַרק,
עס איז אין דעם אימפּעט פון פאַל אויך פאַרשוואומען
די שוימיקע
ווייסקייט
פון שווימער.

דאָס שטומע פאַרלוירענע ליד פון מיין טאַטן

ווי קאָן איך דעריאָגן די שיף מיט פיראַטן,
וואָס זיינען אַוועק מיט מיין טאַטנס פאַרמעג,
און איבערגעלאָזט אים אין גרויער אַליינקייט
צו וואַרטן באַם ליידיקן ברעג?

ווער
קאָן מיר העלפן צעבינדן דעם פלאָנטער פון קניפּן,
ווער קאָן באַפרייען מיין צונג, מיינע ליפּן
פון מעכטיקן צוים וואָס דערשרעקט מיינע רייד?

ווי קאָן איך געפינען דעם זין פון צעריסענע שיימעס פאַרשטויבטע,
און דאָס פאַרבאָרגענע ליכט פון כאַלוימעס צעשטערטע אַנטפּלעקן:
צו זינגען דאָס שטומע פאַרלוירענע ליד פון מיין טאַטן?

IV

מעשׂעס

דאָס ליד פון פאַנטאַן

אויף דינע וואַסערדיקע פּייפּלאַך
שפּילט דער שטאָט־פּאַנטאַן אַ גאַנצן טאָג
צויבער־מאַיסע לידער,
צויבער־פּליטערייען,
צו די האַוועדיקע גאַסן פון דער שטאָט.

הערן אים די שטומע שטיינער
און די אומעטיקע הייזער ארום אים,
און האַלטן־איין דעם אָטעם.

שטיפערישע קינדער וואָס גייען דאָרט פאַרביי,
בלייבן שטיין פאַרוואונדערט פון זיין צויבעריי,
און כאָלעמען באַנאַכט אַז זיי פליען ווי פייגל
אין ווייטע לענדער פון בלוי און ווייס.

און אַ מידער טרעמפּ,
וואָס וואַשט זיין קויטיק העמד
אין וואַסער פון פאַנטאַן פאַרטאָג,
דערפרישט זיין לייב מיט גלעטנדיק געזאַנג.

אַ פרימאָרגן אין ניו יאָרק

ס'האָט דער טאָג אַ בלויען שפּרוך אַ זאָג געטאָן:
און ס'האָבן אָנגעהויבן איינצופאַלן
אַלע טויערן פון שטאָט.

מיט קעצישע טריט און אויף פליגל פון טויבן
עס האָט זיך דערנענטערט דער ריטער פון נויט,
פּאַמעלאַך,
פּאַמעלאַך געקלאַפּט אין די שויבן,
באַוויזן זיין פּאָנים,
מיט שרעקן געגרויט.

מיט שטראַליקע שווערדן
געשטראָמט האָט די מאַכנע פון זיגרייכן פירער,
געשניטן דעם נאַכטיקן מאַלבוש פון רו,
געהאָנגלט מיט בויזעק אויף נאַקעטע לייבער,
צעבלאָזן דאָס פייער פון טומל און זאָרג.

מ ע פ ל ע ס ן

האָבן מײַלער מורמלענדיק געשאָלטן,
האָבן בליקן מוירעדיק געקוקט אויף דעם צעשטערער
פון דער כאַלעמוועלט,
און אין גרויע ווינקלען אויף די דילן
האָט דער פויגל, שלאָף, אַ מידער זיך פארטאַיעט
און אין פינצטערניש פארשטעלט.

און ווען באַזיגטע צונגען זײַנען שטום געוואָרן,
און ס'האָבן זיך געוואַלגערט אין די גאַסן
רעשטלאַך שאָטנס פון דער אומגעבראַכטער וועלט,
האָט אַ פלוך צעקלונגען זיך צום אָנזאָג פון ראַכמאָנעסלאָזן וועקער
און גלעקער האָבן אויסגעהויכט
דעם לעצטן
צוג
פון
נאַכט.

אלעף כּץ

באַלאַדע פֿון אַ מעסלעס

1

פּרימאָרגן

ווי אַ דינער דראָבנער רעגן
זיפּן זיך שטראַלן פֿון דער זון
אויפֿן קאָפּ פֿון דער אַנטלויפֿנדיקער נאַכט,
און מיט שפּיזנשטעך
לעכערן זיי אירע לעצטע טריט
איידער זי אַנטלויפֿט אין איר באַהעלטעניש:
אין טיפֿע וואַסערן
פֿון ווייטע יאַמען.

2

באטאג

ס'האָבן פאַסן ליכט געיאָגט זיך דורך דער לופט
און האָבן זיך צעבראָכן.

האָבן מיריאַדן פאַרבן זיך צעשפּילט
און אויסגעוויקלט טאַנצנדיקע שאָטנס
אָן אַ סאָף.

לאַנגע און געבויגענע,
וואָס האָבן איינגעטונקט
און אָפּגעפאַרבט
טומל
מענטשן
הייזער
גאַסן,
און קליינע און זיגזאַגישע,
וואָס קיינער זעט ניט,
וועלכע האָבן זיך באַהאַלטן אין די אויגן
פון אַ וויסטן טרעמפּ,
וואָס שטייט אַ שיקערער באַם ראָג פון גאַס
מיט קלאָלעס אויף די ליפּן.

מיריאַדן שאָטנס
האָבן זיך געראַנגלט,
און נעוועבט דאָס ליד פון שטאָט.

3

פארנאכט

בלינדערהייט
קריכט ארוים פון איר באהעלטעניש, פון יאם,
די בלודנע נאכט.

גלייכט זי אירע פליגל אויס,
די פליגל די צענויפגעקאָרטשעטע,
און דער וואסערפאל וואָס שטראָמט אראָפּ פון זיי
ברענגט כוואליעס שוים און מוירע צו די ברעגן.

4

נאכט

שוין האָבן איינגעשטילט זיך אַלע וואַסערן.

א שוואַרצער בלינדער פויגל
פליט־אַרום מיט אויסגעשפּרייטע אומענדלאַכע פליגל
און צייכנט צופעליקע בויגנס
אין דער לופט.

ווער האָט לאָמפּן אָנגעצונדן —
קעפּ וואָס ברענען געל און שטום?

עס דערהערט זיך פּלוצים אַן אויסגעצויגענער געשריי פון אַ שיף,
דאָס שרייט די נאַכט אַזוי,
דערפילנדיק דעם שטאָך פון ליכט־פאַנטאַן
וואָס שטראָמט פון יעדן גאַסנלאָמפּ אַרויף.

פון אַ יעגער אַ פאַרבאָרגענעם
פליען שאַרפע פיילן ליכט אַרויף;
און אַ בלינדער בלודנער פויגל
פאַלט פאַרוואונדעט צו דער ערד.

ניו יאָרקער נעכט

אייזערנע שטאַכעטן
פון אַ פלויט אַרום אַ טורעם.
וואַסערדיקע ריטער
פון אַ בייטשנדיקן שטורעם.

רוענדיקע צעלטן
פון צירקן אויף די וועגן.
שווייגנדיקער ציטער
פון בענקנדיקע רעגן.

קוויטשענדיק געלעכטער,
פּאָמפּ פון מעלאָדראַמעס.
פרויען פון פּאַרצייטן
באַוויינענדיק דעם טאַמוז.

שעלטנדיקער טרויער,
פּענימער אין שפּיגלען.
שרעקנדיקע שפּרייטן
פון שוועבנדיקע פליגלען.

אַקוואַרעל פון זונפאַרגאַנג

ליכט:
פאַסן גאָלדענע און געלע
רויזנרויטע
שוועבן־אום
און נעפּלען זיך אין רוים.

ליכט:
שטראָמען בלויע
ווייסלאַך־בלויע ווי אַ כאַלעם
פאַרבן זייער בסורע
און רוען אויף די ווענט.

ליכט:
אַ רויך
אַ שוואַרצלאַך־בלויער ווי אַ קישעף
שוואַרצט זיך
און פאַרשאָטנט אַלץ.

ליכט:
אַ שוואַרצע מאַסע ליכט
האָט אַלדינג איינגעהילט
ווי מיט אַ קלייד,
ווי מיט אַ שוואַרצן ווינט.

סאָנעט צו דער נאַכט

אימפּעריע פון איינגעצוימטער מאַכט,
פאַרשקלאַפט צום ווילן פון אַלמעכטיקייט,
איך בין אַ פאַרער, אָפּגענאַרט פון צייט,
אויף דיין פאַרקישעפטער, פאַרשעמטער יאַכט.

דער שפּרוך מיט וועלכן ס'ווערט דיין זיין דערוואַכט
באַשאַפט אויך מיך און מיין באַשטענדיקייט,
און כ'פאַל מיט דיר אינאיינעם ווען ער שרייט
דעם ווײ פון אונדזער סאָף אין מאָרגנשלאַכט.

פאַרבונדן האָט דער גורל מיך מיט דיר —
אויף אייביק זיין און ניט־זיין אָן אַ סאָף:
עס צינדט זיך אָן מיין ליד אויף דיין פּאַפּיר,
און לעשט זיך אוים ווען ס'קומט די מאָרגנשטראָף.

— פון אונדזער פייערפליגנדיקן וועג,
צי איז פאַראַנען, זאָג, אַ ווייטער ברעג?

V

אימפּרעסיעס

אַ דיכטער לייענט־פֿאָר אַ ליד פֿאַר אַן עולם

(ה. ל.)

דער נאָמען פֿון אַ ליד,
דער נאָמען פֿון אַן אַנגעהויכט געמיט:
דאָס אויפֿגעמאַכטע טיר'ל פֿון אַן אוילעמקאַטן.

אויגן ווערן אַנגעשטעלט,
שפּאַרן זיך צו דער אַנטפּלעקטער וועלט,
שטורעמען מיט ליכטיקייט און שאָטן.

די פֿאַרבן פֿון אַ בילד,
אויף לייוונטן פֿון לויטערקייט צעשפּילט,
באַשאַפֿן אַ געמעל פֿון ברויזנדיקער שיינקייט.

און דער וואונדער פֿון באַשאַף
ווערט צעפּריידיקטער פֿאַרגאַף,
וואָס נערט געלייטערטע אַליינקייט.

אין דער ווערטערדיקער וועלט,
מיט דערהויבנקייט באַזעלט,
גליט די אויסדערוויילטע רעגע
פֿון דערוואַכטע איכן.

שלעף בץ

וו ע ר ט ע ר

(ב. ט.)

וועלכע ווילדע אויסגעשרייען,
וועלכע פלוצימדיקע שרעקן,
וועלכע טפילעס קאָנען אייך אויפוועקן,
גאַלאַטייען, ווערטער־גאַלאַטייען,
פון אייער שווייגנדיקן גליווער?

וועלכע קישעפדיקע צוואַנגען
קאָנען אייך צו קראַפט באַוועגן,
וועלכע אינערלאַכע דראַנגען?

וואָס איז דער סאָד פון אייער נוואורע?
ווער איז דער גאָט,
וואָס קאָן באַלעבן אייער שטיינשוויג,
און באַפרייען אייך פון שטיינגעפאַנג?

שטיינערנע געשטאַלטן,
וואו האָט זיך באַהאַלטן אייער הערשער און באַשעפער?

איך וואַרט,
איך קני צו אים —
ער זאָל זיין ווינט פון לעבן אייך באַשערן.
און וועט ער מיין געבעט ניט הערן,
יאָרן וועל איך וואַרטן,
ביז עס וועט אַ שוואַרצע שאָ
געפינען מיך אין שטיין פאַרוואַנדלט,
ווי איר אַליין.

אין סטאַדיום

די וואוילע פידלען פון סימפאָניע
האָבן היינט געשפּילט צו די באַזעצטע טרעפּ.
עס האָבן קעפּ געהערט אין דעם געזאַנג
אַגאָניע
פון אייגענע אַמאָליקע פארנאַכטן,
עס האָבן קעפּ געקוקט און זיך געפרייט
מיט לעבעדיגע איצטערס בא דער זייט,
באַם שוועל פון העלגעפאַרבטן טויער
צו אַ נייער וועלט.

דאָס געזאַנג צום מענטש איז ניט קיין בלויער פויגל,
לויטער לויב — ווי דאָס געזאַנג צו גאָט.
די פוגעס פון אַ מענטש צו מענטש,
דורך דעם געציטער פון אַ פידל,
קלאַפּן־אָן און עפענען די אָפּגעשלאָסנסטע פאַרמאַכטע טירן,
און יעדער שטריך פון פּאָנים הויבט־אָן ריידן
און דערציילן די לעגענדע פון דעם אָפּגעהיטסטן סאָד.

די פידלען ריידן אַלע מיט אַן אויפגעאייננסטער שטים,
ווי ס'רעדט דער פאַל פון וואַסערן פאַרברידערטע,
נאָר יעדער אויער הערט אַן אַנדער אָנזאָג אין דעם קאָל;
ווער ס'הערט די פרייד פון הויכע שטייגנדיקע בערג,
ווער טרויער פון באַהאַלטענעם און מידן טאָל.

אלעף כץ

כ'האָב היינט געהערט די וואונדער פון בעטהאָווענס אינערלאכן אויער,
און ס'איז פאַר מיינע אויגן אויסגעוואָקסן
א צעשטראַלטער גרינער וואַלד.
עס האָט דער וואַלד געריייצט מיך מיט דעם רייאך
פון צעבליטע טאָמידגרינען
און פון קאַלטן וואַסער פון א פרישן קוואַל.

און ווען די ביימער זיינען אין דער פינצטערניש פאַרשוואונדן
און איך בין געבליבן אין פענומבריש ליכט,
איך האָב געזען א וועלט מיט פאַרמעטן באַזונדערע אויף פענימער,
און יעדער פאַרמעט האָט גערעדט,
און יעדער פאַרמעט האָט דערציילט,
און די לעוואָנע האָט אַראָפּגעקוקט אויף מיר
מיט איר געלאַסן בלאַס געזיכט.

פֿאַזירנדיק אַלס מאָדעל פֿאַר אַ ביוסט

דער צעלעם־עלאָהים האָט זיך אָפּגעטאָן פֿון מיין פּאָנים.
מיין קאָפּ איז געוואָרן אַ הויפֿן ליים.
אַ ליימיקער קנויל אויפֿן פֿורעם,
אַ ליימיקער קנויל — מיין קאָפּ.

אַלץ איז געוואָרן פֿאַרשוואונדן.
אַלץ.
עס איז געבליבן בלויז אַ שטאַרקער בלינדער ווילן,
אַ פֿאַרלאַנג צוריק,
אַ ליכט וואָס בענקט נאָך זיין פֿאַרלוירענעם פֿלאַם.

געבעט פֿון פֿאַרמלאָזן ליים.
אַ ווילן שפּאַרט זיך הינטער ווענט פֿון טראַגיש־הילפֿלאָזן ליים:
ארויס. ארויס.
מיטאַמאָל,
פֿליען ווייט,
פֿליען הויך,
ווייטער און העכער פֿון זיך.

— מאַזל, די וועלט, גאָט —
די אויערן ווילן ניט הערן קיין טרייסט:
צו פֿרי.

אַ קראַמפּ.
דער אָטעם פֿון לעבן,
ווילן ניט רוען — און מוזן.
ניטאָ קיין באַוועגונג.

פ ל ע ק ב ך

שווער.
די וועלט ליגט אויפן קאפ.
פים.
פוסטריט.
דער אמאל איז אויפן קאפ,
דער אור.

דער גאנצער הויפן ליים איז איין אויג.
דאס אויג זעט און קאן גארנים טאן.
בילדער קלאר און נעפלדיק טאנצן פאר דעם בליק.
הויך דער הימל,
לופט און רוים.
וואו איז דער וועג ?
וואו ?

גליוועך.
קישעפגליוועך הערשט.
שטומער דוימעם ווארגט זיך מיט געשריי.
אנטרונענער געשריי ווערט אויסגעלאשן.

*

שטראלן קומען אן.
שטראלן שטראמען פון א האנט.
די האנט פון באשאף טריפט מיט אנזאג, מיט טרייסט.
באשאף־שטראלן גלעטן.
ווארעמען. גלעטן.
פיינער דריקן קנייטן גלעטן לאסטשען
מאכן ליב.

מעסערס שניידן.
ווענט צעפאלן זיך.
עס עפנט זיך א וועג.
א ברייטער פרייער וועג.
ליכט שטראַמט.
שטרעבונג הייבט, דערהייבט.
פירט אין וועג אריין.
ווייטער
ווייטער
נאָך
נאָך
צוריק
צום פריער.

דער וועג צוריק לויפט פאַרויס.
דער פלאַם קומט אָן,
דערנענטערט זיך.
*
ליים און פאַנים.
פאַנים און ליים.
די מעביצע ווערט דין, דינער.
ווייטע שטימען ווערן העכער.
א דין װענטל איז נאָך דאָ.
א דין װענטל איז נאָך דאָ.

אלעף בן

פּאָנים.
א פּאָנים.
א פּלאַם.
באהעפּטונג.
גאַנצקייט.
ניטאָ מער קיין גרעניץ.

געקומען.
צוריקגעקומען.
ווי פריער,
פונקט ווי פריער.

און איצט מיט אימפּעט,
מיט געיעג,
מיטאמאָל א לויף,
א שפּרונג נאָך ווייטער,
ארויס פון די גרעניצן,
ארויס.

* * *

א שאַרף פון „ניט" שניידט איבער דעם געלויף.
שערט איבער דעם פאַרנעם.

עס שאָקלט זיך דער קאָפּ.
א קאָל רוישט אין די אויערן:
נאָך ניט די צייט.

אַ ה י י ם

(ע. און ס.)

ריטם פון בעטנדרע הענט,
שאָטנס פון טעג אויף די ווענט,
פאַרטפּיסעטער ווילן.
מילן פון „ריטער פון צאַר“,
קנעכטשאַפט פון מעכטיקן האַר,
טרויער פון ציילעם און טפילן.

געזאַנגען פון מענטשלאַכן שפּאַס
פאַרטרייבן די ווינטן פון גאַס
מיט פּאַסן פון גאָלדענע יצילן.
שפילן פון פאַרביקע פליגל
צעלאָזן דעם אייזערנעם זיגל,
באַטעפיכן הייליקע דילן.

מאַרדי גראַ

א צעריסענער פליט אום אין רוים
דער זומער דער פאַפירענער.

קאַלירטע שיימעס פון די זומערדיקע טעג
זינגען אַפּגעריסענע געזאַנגען אין דער לופט.

יאַגד

(מ. ז.)

געלאָפן, געלאָפן אויף וועגן באַגראַזטע,
דאָס הארץ און דאָס גליק און ערפאָלג אין פאָרויס:
דער יעגער — אַ נאַקעטער מענטש אַ צעלאָזטער,
ערפאָלג און דאָס גליק — בלויז אַ הירש אין געלויף.

אַט־אַט־אַט
אַט־אַט־אַט
אין גאַלאָפּ
אין געיעג
אַט־אַט־אַט
אַט־אַט־אַט
אָן אַ סאָף
אָן אַ ברעג.
נאָך און נאָך
נאָך און נאָך
ווייט און ווייטער
געשווינט — — —
וועג, אַ וועג, שפּרינג אַוועק, און צעריים זיך, אַ ווינט!

דער מענטש און דער הירש
ביידע זינקען אין שרעק,
ביידע — כוואַליעס פון יאַם,
וועלכע האָבן צום ברעג.

אלעף כץ

ניט אַראָפּ
ניט אַרויף
דער געלויף
איז פאַרוים,
אַנטלויפער
און לויפער :
פאַרוים בלויז,
פאַרוים — — —

דאָס גליק איז פאַרלאָפן אין פלאָנטער פון דערנער,
די פיס שיקן קלאַלעס אַרויף צו די הערנער.
ערפאַלג איז געפאַלן און ליגט ווי א פיינער,
ווי דעם זיגער,
ווי דעם יעגער.

דער בוים בא מיר אין הויף

(ע. ב.)

אויפגעליכטיקט,
אויפגעציטערט מיט דער שעפּע פון דעם פרישען פרילינג
איז דער בוים בא מיר אין הויף,
און איך.

דער קישעף וואָס האָט אויפגעפלאצט
די וואַרטנדיקע קנאָספּן
און באפרייט די יונגע בלעטער
אין דער וועלט אריין,
האָט אויך גערוט אויף מיר.

איך פיל דעם לויף פון אויפגעוואכטע שטראָמען,
איך בין מענטש און בוים,
פארשאָלטן און געבענטשט.

די פרייד פון אויפגעוואכטן וואונדער
רייסט מיך פון דער ערד
צו פליען ווייט אוועק,
נאָר פון די הויכע מויערן ארום
שטיינט ארויף א שרעק,
וואָס פרעסט די פליגל מיינע אויף.

עם ברויזט דאָס בלוט.
דער אָטעם איז צו גרויס פאַר מיינע לונגען.
ס׳האָט די שטים פון פרילינג
אין מיין האַרצן זיך צעזונגען
און איז דערשטיקט געוואָרן צווישן ציינערקריץ.
די פליגל האָט די שרעק פון מויערן פאַרשלונגען,
און דערפרייען
און באַפרייען
קאָן אַצינדערט בלויז אַ זומערבליץ.

ע. ל. מ.

זיין שפּרוך האָט פאַרוואַנדלט די וועגט פון „ספּון ריווער״
אין גלעזערנע ווענט:
און ס׳האָבן די שטאָטן פון מיזראָך און מאַירעוו
דאָרט זייערע שאָטנס דערקענט.

זיין שפּרוך האָט געעפנט די מיילער פאַרשלאָסן
מיט סוידעס און וויי:
און ס׳האָבן די שטאָטן פון מיזראָך און מאַירעוו
דערהערט זייער הילפלאָז געשריי.

זיין שפּרוך האָט דעם גייסט פון אַ וועלט אַ צעשטערטער
פון קייווער דערוועקט:
און ס׳זיינען די שטאָטן פון מיזראָך און מאַירעוו
דערציטערט געוואָרן פון שרעק.

זיין שפּרוך האָט באַזילבערט אַ מעכטיקן שפּיגל,
די גרוים פון אַמעריקע־לאַנד:
און ס׳האָבן די שטאָטן פון מיזראָך און מאַירעוו
דערזען זייער אייגענע שאַנד.

אַפריקעס באַנים

וועןֿ אַפריקעס זין זינגען שירע צו גאָט,
אַפריקעס באַנים און טעכטער:
אוי, ס'אַראַ טרויער עס שטראַלט און עס קנאַלט
אין אַפריקעס הילכיק געלעכטער.

וועןֿ אַפריקעס זין קוקן מילד אויף דער וועלט
מיט אויגן פון דאַרשטיקע לעמער:
עס פלעמעלט נעקאָמע אין אַפריקעס האַרץ
און סינע צו אירע פאַרשעמער.

אַ ווינטערבילד

אַ ווייסע ראַכוועסדיקע רו איז אויסגעשפּרייט
אין טאָל, אַ שטילער טיפער מיין.
שוועבט־אום פון יונגע הירשן דאָ אַ לויטערקייט.
אַ ליבער כיין.

אָן אַלטער זיידע, אַ בעקאָוועדיקער בוים,
דער שטאָלץ פון דרימלענדיקן טאָל,
נעמט־אויף די ליבע יונגע געסט מיט מאַיסעס פון
אַמאָל־אַמאָל.

די יונגע פלינקע הירשעלאַך פאַרטראַכטן זיך
און הערן־אויס דעם זיידן שטיל,
און ס'ווערט געבוירן אין די אויגן זייערע
אַ ווייטער ציל.

ר׳ נחמן בראַצלאַווער

די גראָזן אויף די פעלדער פלעגן ציטערן מיט פרייד,
ווען ר׳ נחמן בראַצלאַווער פלעגט קומען שטילערהייט
און לאָזן הערן זיי די פּאַשעטע און פרישע רייד
פון זיינע טפילעס — בלעטערדיק און גרין.

פאַרבענקטע פייגל פלעגן שוועבן איבער אים פאַרטראַכט,
הערן דאָס געזאַנג פון סוידעס וואָס ער האָט געבראַכט,
און שלאָפן רואיק מיטן סאָד פון דעם געזאַנג באַנאַכט,
באַצויבערט פון דעם וואונדערלאַכן זין.

און אַלע פליגעלאַך און ווערימלאַך פון גאַנצן פעלד,
אַלדי קליין־באַשעפענישן פון דער שטומער וועלט,
פלעגן ווערן פון ר׳ נחמנ׳ס לויטערקייט באַזעלט,
און זשומענדיק אים פרעגן אַ באַשייד.

ר׳ נחמן האָט פאַרשטאַנען זייער אַלעמענס באַגער,
זייער לשון האָט געקלונגען ווי אַ ליד צו זיין געהער,
און ער האָט גערעדט צו זיי, דערציילט זיי מער און מער
פון קומענדיקע צייטן פול מיט פרייד.

VI

אין נעפל

א י ן נ ע פ ל

1

דער אָטעם פון אַ טעמפּן כאַלעם
האָט אַראָפּגענידערט אויף דער גאַס.

אַ בלאַסע פינצטערניש
האָט איינגעהילט און בלינד געמאַכט
די לויכטנדיקע קעפּ פון לאַמפּן,
און די אַלטע הויכע הייזער
שטייען ווי די גלאָמפּן,
שווייגן שטיל.

די ווייזער פון דעם זייגער אויפ'ן טורעם
האָבן איצט פאַרלוירן זייער וועג.
— ווי שפּעט איז איצט?
דאָס פּנים פון דעם ציפערבלאַט
איז בלויז אַ פלעק.

פאַרכּוישעכט און דערשלאָגן איז דאָס אויג,
אָפּגעווישט די גרעניץ פון געשטאַלטן:
איין — אַקעגן גרויען יאַם פון רויך
און קעגן אַלע קויכעס הינטער אים באַהאַלטן.

אַליינקייט האָט אַרומגעכאַפּט די שטאָט:
יעדער מענטש — פאַר זיך,
יעדער מענטש — אַ סאָד.

2

ניט זיכער זיינען טריט אין פינצטערניש,
ניט זיכער איז דער גאַנג.
דאָס אויער איז די טרייסט פון אויג אַצינד,
וואָס וואַכט
און פירט
דורך לאַבירינטן פון דער נאַכט
צום טויער פון געזאַנג.

— וואָס זינגען איצט די ברידער ?
דער ענטפער איז פאַרנעפּלט :
ס'איז דאָס אַלטע ליד
פאַרדאַוונט
און פאַרפּרעפּלט,
און פאַרמאַטערט איז דער זין פון וואָרט.

די טריט
צום ליד צום נייעם גייען ווייטער,
אָנגעשרויפט איז דאָס געהער.
ווען איינמאָל אָנגעפאַנגען איז דער גאַנג,
עס איז ניטאָ קיין אָפּשטעל מער.

און ווען עס וועט אַ שער פון שטראַלן
איבערשערן דעם געהיל פון פינצטערניש,
צי וועלן אויגן זיך דערפרייען
מיט אַ פעלד פון זינגענדיקן ברויט,
אָדער וועלן ווערן בלינד פון וויסטעניש אַרום,
בעטנדיק אויף זיך דעם טויט ?